**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נאך 105 ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס ארויסגעגעבן**

***קאנאביס קאנטראל באורד באשטעטיגט 105 ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס, ברענגענדיג סך הכל ארויסגעגעבענע ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס צו 654 אין 2024 ביז יעצט***

***CCB באשטעטיגט היים-געוואקסענע קאנאביס פלאנצונג, לאזנדיג מענטשן פלאנצען פאר זייער הנאה און באררייכערנדיג קאמיוניטיס***

***ניו יארק סטעיט האט יעצט איבער 132 ערוואקסענע-באנוץ געשעפטן געעפנט און אין אפעראציע***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט קאנאביס קאנטראל באורד (Cannabis Control Board, CCB) האט אונטערגענומען באדייטנדע שריט צו פאראויס רוקן די סטעיט'ס קאנאביס רעגולאציעס דורכאויס די באורד זיצונג דעם חודש, אדרעסירנדיג עטליכע וויכטיגע נושאים: לייסענס באשטעטיגונג, ענדערונגען צו די מארקעט, היים פלאנצונגען רעגולאציעס און אינפארסירונג ענדערונגען. די CCB האט אויטאריזירט צו ארויסגעבן 105 ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס לייסענסעס פאר פארשידענע הינזיכטן פון די סופליי טשעין, אריינגערעכנט 'מייקראָו-ביזנעסעס', פלאנצער, פראצעסירער, דיסטריביוטערס און ריטעיל געשעפטן. די שריט פלאסטערט אויס די וועג פאראויס פאר ביזנעסלייט און ביזנעסער צו אריינגיין אין די ארויסשפראצנדע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס מארקעט, טרייבנדיג עקאנאמישע וואוקס און פלעגנדיג ערפינדונג.

"ניו יארק טוט אויפבויען א שטאנדהאפטיגע און גערעכטע לעגאלע מארקעט וואס טרייבט באדייטנדע עקאנאמישע וואוקס אינערהאלב אונזערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס ארויסגעבן נאך 105 ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס איז בלויז די קומענדיגע טריט אינעם אנטוויקלען די לאנד'ס-פירנדע אינדוסטריע וואס ניו יארקער ערווארטן און וואס קומט זיך זיי."

**די צאל פון יעדע סארט לייסענס ארויס פון די 105 לייסענסעס וואס זענען היינט באשטעטיגט געווארן זענען:**

- ערוואקסענער-באנוץ קאלטיוועיטער לייסענס: 25
- ערוואקסענער-באנוץ דיסטריביוטער לייסענס: 22
- ערוואקסענער-באנוץ מייקראביזנעס לייסענס: 22
- ערוואקסענער-באנוץ פראסעסער לייסענס: 19
- ערוואקסענער-באנוץ ריטעיל דיספענסערי לייסענס: 17
- 45 ארויס פון די 105 זענען אזעלכע וואס גייען אריבער צו ווערן AUCC אדער AUCP'ס

אין צוגאב צום ארויסגעבן די נייע לייסענסעס, האט די קאנטראל באורד באשטעטיגט א באשלוס צו אננעמען רעגולאציעס פאר די פלאנצונג פון פערזענליכע קאנאביס אינדערהיים, ערמעגליכנדיג ערוואקסענע פון 21 און עלטער אין ניו יארק סטעיט צו פלאנצן קאנאביס אינדערהיים.

**היים פלאנצונגען ערלויבט:**

- ערוואקסענע קענען האבן ביז זעקס פערזענליכע פלאנצונגען.
- די מאקסימום פער הויזגעזונד איז 12 פלאנצונגען.
- רעגיסטרירטע מעדיצינישע קאנאביס פאציענטן קענען באשטימען איינעם צו פלעגן זייערע פלאנצונגען אנשטאט זיי, מיט די תנאי אז קיינער טאר נישט אריבערגיין די מאקסימום פון 12 פלאנצונגען פער הויזגעזונד.

לערנט מער איבערן פלאנצן קאנאביס אינדערהיים פון די אפיס'ס אינפארמאציע בלאט וואס איז פארעפנטליכט דא.

**אויסברייטערונג פון פלאנצונג רעכטן:**

- פערזענליכע פלאנצונגען פון קאנאביס פאר באנוץ פון ערוואקסענע איז ערלויבט אין פריוואטע וואוינונגען.
- לייסענסירטע קערפערשאפטן ווי געשעפטן און מייקראָ-ביזנעסעס קענען פארקויפן קערנדלעך און יונגע קאנאביס פלאנצונגען פאר קונדן.

די באדייטנדע אנטוויקלונג ערלויבט ניו יארקער וועלכע וואונטשן זיך צו אנטיילנעמען אין די ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס מארקעט דורכן זיי גיבן די אויטאנאמיע צו פלאנצען זייערע אייגענע קאנאביס פלאנצונגען. פלאנצן אינדערהיים גיבט א ביליגע און צוגענגליכע אפציע פאר פערזענליכע באנוץ, זיכער מאכנדיג אז מענטשן האבן קאנטראל אויף די קוואליטעט און סארט קאנאביס וואס זיי נוצן. עס שטופט אויך פאר א טיפערע פארשטאנד און באקאנטשאפט מיט דעם פלאנצונג פראצעדור, ברענגענדיג א מער אינפארמירטע און אריינגעמישטע קאמיוניטי פון קאנאביס קונדן אין ניו יארק סטעיט.

די רעגולאציע ענדערונגען זענען אריבער א תקופה פון זעכציג טעג וואס איז געגעבן געווארן פאר די פובליקום צו לאזן קאמענטארן דערויף. די CCB האט געשטימט צו אננעמען די רעגולאציעס און זיי אריינלייגן אין קראפט ביי די באורד זיצונג אום יוני 11, 2024.

די CCB האט אויך פארגעזעצט די ארבעט פון צוריקווייזן 100 אפליקאציעס ביי די באורד באגעגעניש. די אפליקאציעס זענען אדער נישט נאכגעקומען די בארעכטיגנדע תנאים פאר א לייסענס אדער האבן שוין באקומען אן ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס לייסענס פון אן אנדערע אפליקאציע.

**קאנאביס קאנטראל באורד פארזיצער, טרעמעין רייט, האט געזאגט,** "מיר זעצן פאר צו גיבן פריאריטעט פאר די אויסברייטערונג פון אונזער מארקעט און פארפליכטונג צו אונזער לאנד'ס-פירנדע קאנאביס מארקעט, דורכן גיבן פאר ניו יארקער א ברייטע אויסוואהל פון אפציעס און געלעגנהייטן זיך צו באטייליגן. די היינטיגע לייסענס באשטעטיגונגען און דאס אריינברענגען היים פלאנצונגען ברענגען אונז איין טריט נאענטער צו אוועקשטעלן א נייע סטאנדארט וואס לייגט וואוקס, גערעכטיגקייט און זיכערהייט אין די צענטער."

גאווערנער האקול און די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג זענען שטאלץ צו אנאנסירן די שטאנדהאפטיגע וואוקס און דינאמישע פארשריט אין ניו יארק'ס קאנאביס אינדוסטריע. אין חודש מאי אליין זענען פארקויפונגען געוואקסן מיט 4.4 מיליאן דאלאר, דערגרייכנדיג א סך הכל פון 46.2 מיליאן דאלאר, און מיט דעם חודש זיך ענדיגענדיג מיט א נייע וועכנטליכע פארקויפונגען רעקארד פון 12.5 מיליאן דאלאר. פארשאצונגען ווייזן אז 2024 קאנאביס פארקויפונגען וועלן איבערשטייגן די 200 מיליאן דאלאר ביז אנהויב יוני, אונטערשטרייכנדיג די סעקטאר'ס שנעלע אויסברייטערונג און וואקסנדע קונדשאפט.

א הויפט טרייב-קראפט הונטער די הצלחה איז דער געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע גערעכטיגקייט (Social and Economic Equity, SEE) פראגראם וואס זעצט פאר צו שטופן פאר אריינגעמונג און געלעגנהייט פאר יעדן אין די אינדוסטריע. א באאיינדרוקספולע ציפער איז אז 57 ארויס פון די 105 נייע אפליקאנטן – אדער 54 פראצענט – זענען SEE קאנדידאטן. די גרופע רעכנט אריין 5 קאמיוניטי אנטוויקלונג איניציאטיוו (Community Development Initiative, CDI) באטייליגטע, 7 פארמערס אין אנגעשטרענגטע מצבים, 22 ביזנעסער אין מינאריטעט אייגנטום, 7 ביזנעסער אין אייגנטום פון וועטעראנען וואס זענען געווארן אינוואלידן אין דינסט און 16 ביזנעסער אין אייגנטום פון פרויען.

נאכפאלגנדיג די היינטיגע באורד זיצונג, וועט די סך הכל צאל ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס ארויסגעגעבן אין 2024 ארויפקריכן צו 503, מיט א מערקווירדיגע 55 פראצענט געשאנקען פאר SEE אפליקאנטן. דאס שפיגלט אפ דעם פראגראם'ס פארפליכטונג צו פלעגן פארשידנארטיגקייט און שטיצן גרופעס מיט ווייניגער געלעגנהייטן. די ליסטע רעכנט אריין 39 פראצענט ביזנעסער אין מינאריטעט אייגנטום, 39 פראצענט ביזנעסער אין אייגנטום פון פרויען, 9 פראצענט אין אייגנטום פון וועטעראנען וואס זענען געווארן אינוואליד אין דינסט, 8 פראצענט פארמער אין אנגעשטרענגטע מצבים און 6 פראצענט CDI, ארויסהייבנדיג די פילפארביגע און אריינגעמיגע נאטור פון ניו יארק'ס אנטוויקלנדע קאנאביס סצענע. די דינאמישע פארשריט ווייזט ארויס אונזער אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו שאפן א יושר'דיגע, גערעכטע און בליהענדע קאנאביס אינדוסטריע פאר אלע ניו יארקער.

ביז היינט זענען שוין דא איבער 132 געשעפטן אפן פאר ביזנעס אריבער די עמפייער סטעיט. א פולע ליסטע פון ניו יארק'ס לייסענסירטע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס ריטעיל געשעפטן אין אפעראציע איז [פארעפנטליכט דא.]

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן